Founded 1925 as Yiddish Scientific Institute – YIVO

יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט — ייִוואָ
YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH
DEVOTED TO THE SOCIAL SCIENCES AND THE HUMANITIES

1048 FIFTH AVENUE • NEW YORK, N. Y. 10028 • LEhigh 5-6700 •

September 16, 1975

Dear Sir/ Madame:

Enclosed is a brief note describing the new editorial policy of the YIVO Annual of Jewish Social Science. In the hope that it will be of interest to your readers, we ask you to publish it in your periodical.

Sincerely,

David G. Roskies, Editor
YIVO Annual of Jewish Social Science

דעם 28סטן אָקטאָבער 1976

זײער חשובֿער פֿרײַנד אַרצט,

כ'האָב אַנומלט גערעדט מיטן קאַנצלער ד"ר גרשון כּהן און ער האָט מיר דערצײלט װעגן אײַך און אײַער אַרבעט לטובֿת ייִדיש בכלל און לטובֿת דעם ייִדיש-לימוד דאָ אין סעמינאַר בפֿרט. װיל איך, װי דער װאָס האָט דירעקט גענאָסן פֿון אײַער ברײטהאַרציקער אונטערשטיצונג, אײַך אָפּגעבן אַ שטיקל דין-וחשבון. ראשית-כּל, קען איך אײַך מודיע זײַן אַז עס לערנען זיך בײַ מיר אַ בכּבֿודיקע צאָל סטודענטן װאָס דער לימוד פֿון ייִדישער ליטעראַטור איז זײ ביז איצט געװען לחלוטין פֿרעמד. איך האָב אָנגעהױבן מיט קורסן אין העברעיִשער און ענגלישער איבערזעצונג, װײַל דאָס זענען די שפּראַכן װאָס זײ קענען. אַזױ למשל, האָב איך געלערנט אײן קורס װעגן שלום-עליכם, אַ צװײטן װעגן מענדעלע, אַ דריטן װעגן דעם שטעטל און אַ פֿערטן װעגן ייִדישער דראַמע. אין פֿרילינג-זמן, װי אַן ערשטער פּרוּװ, װעל איך לערנען אַ קורס װעגן ייִדישער ליריק א י ן  י ד י ש . אַחוץ דעם האָט אונדזער ליטעראַטור-אָפּטײלונג אָנגענומען מײַן פֿאָרלײג פֿאַר אַ מאַגיסטער-פּראָגראַם אױסשליסלעך אין ייִדישער ליטעראַטור. מיר האָפֿן זי אײַנצופֿירן שױן איבער אַ יאָר. דוכט זיך אַז זי װעט זײַן די אײנציקע פּראָגראַם פֿון דעם מין אין גאַנץ צפֿון-אַמעריקע.

אײַך װעט אױך פֿאַראינטערעסירן צו װיסן װעגן אונדזער ייִדיש-זאַמלונג. אַ סך מענטשן האָבן מורא געהאַט אַז די װערטפֿולסטע ביכער זענען פֿאַרברענט געװאָרן אין דער שׂרפֿה. אַ פּרעלימינאַרער קאָנטראָל האָט אָבער באַװיזן אַז ניט און דער עיקר איז װאָס יודא יאָפֿעס פּריװאַטע זאַמלונג פֿון דער אַלטייִדישער ליטעראַטור איז געבליבן גאַנץ און אומבאַרירט. אַ יונגע ישׂראל-פֿאָרשערין, שׂרה צפֿתמאַן, האָט לעצטנס אַנטדעקט געװאַלדיקע אוצרות צװישן יאָפֿעס ביכער: אוניקומען פֿון 15טן און 16טן י"ה; דעם אײנציקן פֿולן עקזעמפּלאַר פֿון אליהו בחורס פּאַריז און װיענע (1594) און נאָך און נאָך. די זאַמלונג װאַרט איצט אױף איר גואל, װײַל ביז מע װעט זי ניט װי געהעריק קאַטאַלאָגירן, װעט מען ניט דערקענען איר פֿולע װערט.

איך האָף אַז דאָס אַלץ קלינגט ניט װי פּוסטע באַרימערײַ. איך בין איבערצײַגט אַז דער סעמינאַר, װאָס איז ביז איצט געװען  ד ע ר  צענטער פֿון ייִדישע לימודים אין די תּפֿוצות בכלל, װעט איצט װערן אַ צענטער פֿאַר ייִדיש אױך. און איר, פֿרײַנד אַרצט, האָט ניט װײניק צוגעטראָגן צו אָט דעם אױפֿטו.

מיט דרך-ארץ,
אײַער

דוד-הירש ראָסקעס
גאַסט-פּראָפֿעסאָר פֿון ליטעראַטור
בײַ ייִדן